# אסיפה אין "התאחדות הרבנים" מיט דעם בוכאַרישן רב הראשי

## איבער כשרות פאַר ספרדים לויט פסקי הבית יוסף



אין ליכט פון דעם לעצטיגן אויפשטייג פון ערליכע ספרדי'שע אידן אין אַמעריקע, איז פאָרגעקומען אַ זעלטענע אסיפת הרבנים אין דער הויפט-קוואַרטיר פון "התאחדות הרבנים" אין וויליאַמסבורג, וואו גדולי הרבנים פון התאחדות הרבנים האָבן זיך צוזאַמגעזעצט מיט דעם הויפט רב פון די ספרדי'שע בוכאַרישע קהילות אין אַמעריקע, צו דיסקוטירן פאַרשידענע הלכה'דיגע שאלות וואָס זענען נוגע פאַר די ספרדי'שע אידן, איבערהויפט בעניני כשרות.

די אסיפה איז פאָרגעקומען אין שפיץ פון הרבנים הגאונים הצדיקים, הגה"צ אב"ד פריימאַן שליט"א ראב"ד התאחדות הרבנים, הגה"צ אבד"ק גאַלאַנטא שליט"א, הגה"צ אבד"ק סערדאַהעלי שליט"א, הגה"צ אבד"ק באָלחוב שליט"א, הגה"צ רבי ישראל דוד האַרפענעס שליט"א אבד"ק ישראל והזמנים. אויך האָט זיך באַטייליגט הגה"צ אבד"ק קאַלוב שליט"א פון וויליאַמסבורג, בשליחות אביו כ"ק אדמו"ר מקאַלוב שליט"א לרפו"ש, וועלכער איז נושא בעול פאר'ן חיזוק היהדות פון ספרדי'שע אידן אין אַמעריקע בתוך שאר כלל ישראל.

די אסיפה איז געעפנט געוואָרן דורך הרה"ג ר' מנשה גליק שליט"א זון פונעם לאַנגיעריגן מנהל התאחדות הרבנים, הרה"ג ר' יצחק סג"ל גליק שליט"א, אב"ד בית אברהם, וועלכער האָט בשם אביו באַגריסט די רבנים פון די הויפט בוכאַרישע בית דין, ובראשם דעם הויפט רב הגאון הגדול רבי יצחק ישראלי שליט"א, וועלכע זענען געקומען פון קווינס צו דער אסיפה.

איין הויפט ציל פון דער אסיפה איז געווען, צו העלפן דעם וואַקסענדן ציבור פון ערליכע ספרדי'שע אידן צו קענען זיין מדקדק בכשרות לויט זייער מסורה.

ווי באַקאַנט זענען דאָ פאַרשידענע זאַכן אין הלכות כשרות, וואו דער בית יוסף איז מער מחמיר ווי דער רמ"א, ווי צום ביישפיל ביי די ענינים פון בישול עכו"ם, חדש, "גלאַט בית יוסף" און נאָך. אין דער צייט וואָס ביי אשכנזים פירט מען זיך לויט די פסקים פון דעם גדול האשכנזים דער רמ"א, איז אָבער די מסורה ביי די ספרדים זיך צו פירן לויט די פסקים פון דעם גדול הספרדים דער בית יוסף.

צוליב דעם, קענען ערליכע ספרדי'שע אידן זיך נישט פאַרלאָזן בלינדערהייט אפילו אויף גאָר גוטע הכשרים, ווייל אפילו אַזאַ הכשר ווי "התאחדות הרבנים" האָט נישט איינגעפירט ביי זיך אַלע חומרות פון בית יוסף וואָס פאַרלאַנגט זיך נאָר פאַר ספרדים. דעריבער איז דורכגעשמועסט געוואָרן ביי דער אסיפה, וועלכע מאכלים קענען ספרדי'שע אידן המדקדקים בכשרות יאָ עסן, און וועלכע נישט.

דער ראב"ד הגאון הגדול אב"ד פריימאַן שליט"א האָט פאָרגעשלאָגן אַז די בוכאַרישע קהילה זאָל מייסד זיין אַן אייגענעם הכשר לויט זייער מסורה, און הגה"צ אב"ד סערדאַהעלי שליט"א האָט געזאָגט אַז ער וועט בעזר השם זיין גרייט צו העלפן בעצה ותושיה.

עס איז אַרויסגעברענגט געוואָרן דער פריידיגער פאַקט, אַז עס פאַרמערט זיך די צאָל ספרדי'שע קינדער וואָס ווערן אַרויסגענומען פון פּאָבליק סקולס און אַריינגעשטעלט אין תורה'דיגע מוסדות, וואָס דאָס ברענגט צו דעם אויפשטייג פון ספרדי'שע משפחות וואָס שטאַרקן זיך אין אידישקייט לויט זייער מסורה.

עס איז אויסגעשמועסט געוואָרן דער אופן וויאַזוי מען איז מברר די יחוס פון די בוכאַרישע און רוסישע קינדער, וואָס זייערע עלטערן זענען געווען לאַנגע יארן אונטער די קאָמוניסטן וואו מען האָט נישט געלאזט האַלטן געהעריג אידישקייט. די רבנים האָבן דעבאַטירט פאַרשידענע קאָמפּליצירטע הלכות בעניני גיטין וקידושין, און די בוכאַרישע רבנים האָבן איבערגעגעבן ערשט-האַנטיגע עדות'שאַפט איבער די געוואַלדיגע מסירות נפש וואָס מען האָט געהאַט צו היטן אידישקייט אונטער די קאָמוניסטן, בפרט אין בוכאַרא.

אין לויף פון די אסיפה האָט עטליכע מאל אויסגעבראָכן העפטיגע דיסקוסיעס צווישן די אשכנזי'שע רבנים און ספרדי'שע רבנים, וועלכע האָבן דעבאַטירט פאַרשידענע שווערע הלכות במלחמתה של תורה. עס איז געווען אַן ערהאַבן בילד צו זען, ווי די ספרדי'שע רבנים זענען ערשטוינט געוואָרן צו זען ווי ווייט די אשכנזי'שע רבנים זענען באַקאַנט אויך אין די ספרים פון ספרד'ישע פוסקים, און די אשכנזי'שע רבנים זענען ערשטוינט געוואָרן צו זען ווי ווייט די ספרדי'שע רבנים זענען באַקאַנט אויך אין די ספרים פון אשכנזי'שע פוסקים. ביי איין פונקט האָבן אונזערע רבנים גערעדט צווישן זיך איבער אַ תשובה פון דער מהר"ם שיק, און נישט געטראַכט אַז די ספרדי'שע רבנים זענען באַקאַנט אין אַ ספר פון אַן אשכנזי'שן פוסק פון אונגאַרן, אָבער ווען זיי האָבן געענדיגט רעדן, האָט דער בוכאַרישער הויפט רב איבערגעזאָגט אויסנווייניג די גאַנצע תשובה פון דער מהר"ם שיק, צולייגנדיג זיינע הערות דערויף.

ביים סוף פון די אסיפה, האָט איינער פון די בוכאַרישע רבנים דערציילט אויף זיך, אַז ער איז אויפגעוואַקסן אין אַ שטוב וואו מ'האָט נישט געהיטן מצוות, נאר אַלס עלטערער קינד האָט מען אים אַרויסגענומען פון פּאָבליק סקול און אַריינגעשטעלט אין אַ תורה'דיגן מוסד, און אַזוי האָט זיך די גאַנצע שטוב געטוישט. די רבנים זענען נתפעל געוואָרן צו זען, וויאַזוי פון אַזאַ קינד איז אויפגעוואַקסן אַזאַ תלמיד חכם וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיגע גאונות במשך די אסיפה.

דאַן האָבן די בוכאַרישע רבנים געבעטן, אַז מען מוז טון מער צו ראַטעווען די טויזנטער קינדער וואָס לערנען נאָך אין פּאָבליק סקולס. ספּעציעל ביי דער בוכאַרישע קהילה אין קווינס וואָס איז בלויז פופצן מינוט צו פאָרן פון וויליאַמסבורג, וואו נאָענט צו טויזנט קינדער זענען שוין געראַטעוועט געוואָרן פון פּאָבליק סקולס אין די לעצטערע תקופה דורך די "וועד להצלת דורות בוכאַרא" וואָס איז נתייסד געוואָרן אויפ'ן רוף פון כ"ק אדמו"ר מקאלוב שליט"א, אָבער נאָך פילע טויזנטער נשמות וואַרטן אויף הילף בגוף ובממון צו קענען געראַטעוועט ווערן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז מען וועט בעז"ה מאַכן אַ באַזונדערע אסיפה וועגן דעם ברענענדיגן צוועק.

די רבנים זענען זיך צעגאנגען מיט אַ פעסטע החלטה, צו אַרבעטן צוזאַמען לטובת חיזוק היהדות ביי די ספרדי'שע אידן אין אַמעריקע, ביז מען וועט זוכה זיין צו דער גאולה שלמה בב"א.

# צוגרייטונגען אין טאַמס ריווער צו ענטפאַנגען כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א

## וועט קומען אויף אַ באַזוך לכבוד חמשה עשר בשבט

**מיט גרויס פרייד ווערט אויפגענומען די פריילי̈כע בשורה, אַז כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א וועט אי"ה היי יאָר נאָכאַמאָל קומען אויף אַ באַזוך קיין טאַמס ריווער אין ניו דזשערזי, און דאָרט אָפּרעכטן דעם טיש לכבוד חמשה עשר בשבט.**

דער ליסקער רבי שליט"א, על ישראל הדרתו אין שטאָט באָראָ פּאַרק, האָט פאַראַיאָר געפּראַוועט דעם ערשטן "חסידי'שן טיש" אין די שטאָט אין שטוב פון הרבני הנגיד ר' שלמה עהרנטאַל הי"ו, מיט דער השתתפות פון אָנגעזעענע רבנים, ראשי ישיבות, און ראשי הקהילה.

די קהילה קוקט אַרויס און וואַרט זיך נאָכאַמאָל צו ווייקן און פאַרברענגען בצל כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א און דעם מסוגל'דיגן טאָג באַקאַנט אַלס ראש השנה לאילנות ביים רבי'נס טיש וועלכע וועט פאָרקומען זונטאָג אָוונט אור ליום חמשה עשר בשבט אין שטוב פון הרבני הנגיד ר' שלמה עהרנטאַל הי"ו:

08755 2198 S Thu Ct, Toms River, NJ.

דער ליסקער רבי שליט"א, וואָס איז אַ תלמיד פון הגאון הגדול רבי משה פיינשטיין זצ"ל, ציט זיין יחוס צו די מייסדי חסידות ליסקא, דער פועל ישועות כ"ק אדמו"ר הגה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע בעל "אך פרי תבואה", כ"ק אדמו"ר הגה"ק בעל "טל חיים" זי"ע, און כ"ק אדמו"ר הגה"ק בעל "שערי הישר" זי"ע. דער רבי שליט"א איז ברייט באַקאַנט מיט זיין כח התורה און כח ההשפעה מיט די געוואַלדיגע התחזקות וואָס ער לייגט אַריין אין די בני הקהילה און די מעריצים לבית ליסקא. שוין באַלד פופציג יאר כולן שוין לטובה וואָס ער דינט אַלס מנהיג און ממשיך פון די שלשלת הזהב לבית ליסקא.

דער רבי שליט"א וועט אָנקומען זונטאג פרשת יתרו נאָכמיטאָג, און וועט דאַווענען מעריב אום **7:00** אין שטוב פון דער אכסניא ביי הרבני הנגיד ר' שלמה עהרנטאַל הי"ו, און דערנאָך וועט דער רבי שליט"א אָפּרעכטן דער טיש אין דער אכסניא, מיט דער באַטייליגונג פון פילע חסידים ואנשי מעשה.

דער באַזוך פאַרשפּרעכט צו זיין אַ ריכטיגע כבוד התורה און הרמת קרן התורה והחסידות.